# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:11
מוצאי שב"ק....................5:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................ירמיה מ"ח-מ"ט
בבלי.........................נדרים נ"ג
ירושלמי..................ברכות ל"ד
תוספתא...................כתובות א'
רמב"ם................מלוה ולוה ט'


פרשת וישב, כ"ג כסליו, מברכים חודש טבת, שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 12 (582)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ, דִי וַוייבּ פוּן פּוֹטִיפַר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט יוֹסֵף בַּיי זַיין קְלֵייד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק') טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְנַארְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען, עֶר זָאל דַארְפְן שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער, אוּן מִיט דֶעם נֶעמְט עֶר אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער. עֶס אִיז נִישְׁט נָאר אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט מִיט יוֹסֵף הַצַּדִיק, נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער סַ"מֶ כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער, וֶוער עֶס אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְלֵיידֶער, וֶוערְט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה", יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי קְלֵיידֶער, עֶר הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִין דֶעם, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז גֶעלֶיגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ עֶר זָאל פַארְלִירְן גֶעלְט זָאל עֶר נָאכְאַלְץ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן. אַוַודַאי אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טִרְדוֹת, זָאגְט דֶער רֶבִּי "וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ" - אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיינֶע קְלֵיידֶער, אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיין פַּרְנָסָה, "וַיָּנָס" - אוּן אִיךְ לוֹיף אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פִיל מָאל אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אַז דָאס גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דָאס בְּרֶענְגְט גָאר אַרָאפּ דָאס שֶׁפַע פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן - גֶעלְט", פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, וֶוער עֶס אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן, מִנְחָה מִיט מִנְיָן, אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה, אִיךְ לָאז אָפּ אַלֶע מַיינֶע טִרְדוֹת אוּן אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען מַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים; עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן, עֶס אִיז קוֹים גֶעוֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ אָט פָּארְגֶענוּמֶען: 'דֶעם יָאר וֶועל אִיךְ גֶעהֶערִיג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אוּן מְפָרְשִׁים', אוּן דִי יָאר גֵייט אַזוֹי שְׁנֶעל אַרִיבֶּער, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּאלְד בַּיי פַּרְשַׁת מִקֵּץ, בַּאלְד עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין 'סֵדֶר בְּרֵאשִׁית', אוּן דוּ וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועלְכֶע סֶדְרָה עֶס גֵייט דִי וָואךְ... אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

נָאכְדֶעם מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלוֹת, מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, מִשְׁנַיוֹת טוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת, וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת", יֶעדֶער אֵיינֶער לֶערְנְט וִויפִיל עֶר קֶען, אֵיין פֶּרֶק אַ טָאג, צְוֵויי פְּרָקִים אַ טָאג, דְרֵיי פְּרָקִים אַ טָאג, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה לֶערְנְט מֶען 'חַ"י פְּרָקִים' מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵּר קֶען דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאוַוייזְן, מֶען לֶערְנְט זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, זֶעקְס פְּרָקִים נָאכְמִיטָאג, אוּן זֶעקְס פְּרָקִים בַּייְנַאכְט.

מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אֵיינֶעם וָואס זַיין מֹחַ אִיז מְבֻלְבָּל, זַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט גֶעזֶעצְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וִויל, דִי קָאפּ פָּארְט אִים אַרוּם, עֶר הַאלְט אִין אֵיין טְרַאכְטְן אַז פַאר יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין מֹחַ.

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּרִיק וֵויינֶען, 'אִיךְ לֶערְן מִשְׁנַיוֹת אוּן עֶס הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט', קֶען זַיין דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער גֵייט צוּם דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק דִי מֹחַ אִיז נִישְׁט מְסוּדָּר, פַארְשְׁרַייבְּט עֶר אַ רֶעצֶעפְּט אוּן הֵייסְט צוּרִיק קוּמֶען אִין צְוֵויי וָואכְן צוּ זֶען אֶפְשַׁר דַארְף מֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע מֶעדֶעצִין, קֶען זַיין דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען 'אַכְצְן פְּרָקִים' מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס טוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ. עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין וָואךְ, אָבֶּער אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם יָמִים וְשָׁנִים הֶעלְפְּט עֶס.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## עֶס קוּמְט שׁוֹין חֲנוּכָּה

מִיר טְרֶעטְן שׁוֹין אָט אָט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּיסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָּל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וֶוען מֶען זִיצְט אָבֶּער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז ב"ה גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ צִינְדְן מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ בַּיים זְמַן, זֶעקְס אַזֵייגֶער זָאלְסְטוּ שׁוֹין שְׁטֵיין מִיטְ'ן שַׁמָּשׁ זָאגְן דֶעם לְשֵׁם יִחוּד; מַאךְ אַלֶע הֲכָנוֹת פָּארְאוֹיס, מִקְוֶה וְכַדּוֹמֶה, אַלֶעס זָאלְסְטוּ טוּן פְרִיעֶר אִין טָאג אַז בַּיים זְמַן זָאלְסְטוּ שׁוֹין צִינְדְן.

זִיץ בַּיי דִי לִיכְט; קוֹדֶם זִינְג דִי זְמִירוֹת, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי נֵס חֲנוּכָּה אוּן אוּנְזֶער נֵס אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, בַּיי דִי לֶעכְט אִיז אַ צַייט פוּן פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ב)



דער מולד וועט זיין: פרייטאג אינדערפרי 12 מינוט און 9 חלקים נאך 11 | ראש חודש טבת יהיה ביום השבת קודש ולמחרתו ביום הראשון

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פַּארְוָואס מֶען כַאפְּט זִיךְ צוּ צוּ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע סְגוּלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "בַּאשֶׁעפֶער", זָאג: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ וֶועל מֶער נִישְׁט טוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן"; מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן.

עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג אוּן אַזוֹי זִיס זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט אֵיין וָוארְט, מִיט אֵיין קְרֶעכְץ, אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע - קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, נָאר וִויבַּאלְד מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְיוֹאָשׁ, מֶען טְרַאכְט 'וָואס וֶועט מִיר דִי וָוארְט הֶעלְפְן? וָואס קֶען מִיר דִי וָוארְט הֶעלְפְן?' דֶערִיבֶּער הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק דֶערְפוּן, אוּן מֶען זוּכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע תִּיקוּנִים.

עֶס אִיז גְרִינְגֶער אָנְצוּנֶעמֶען צוּ טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת - וִוי אָנְצוּנֶעמֶען אַז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - אִיז מְתַקֵן אוּן מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען תִּיקוּנִים פַאר עֲבֵירוֹת. אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף עֶר פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים. דָאס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ טוּן; קוֹים וָואס מִיר קֶענֶען פַאסְטְן אֵיין פַאסְט-טָאג, וֶוער קֶען פַאסְטְן פִיר אוּן אַכְצִיג תַּעֲנִיתִים... דָאךְ אִיז דָאס נָאכְאַלְץ גְרִינְגֶער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ טוּן, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס. ווִידֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, טְרַאכְט עֶר 'וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטוּן? וֶועט מִיר דֶער פֶּרֶק הֶעלְפְן?' 'וָואס קֶען שׁוֹין גֶעשֶׁען וֶוען מֶען זָאגְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת מִיט אַ בְּלַאט גְמָרָא?' 'וָואס קֶען שׁוֹין זַיין אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער, 'אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אוּן אִיךְ גֵיי זַיין גוּט'?

דֶערְפַאר וֶועסְטוּ זֶען מֶענְטְשְׁן כַאפְּן זִיךְ צוּ צוּ גֶעוִויסֶע סְגוּלוֹת, וִוי דִי צֶענְטֶע חוֹדֶשׁ אִין דִי צֶענְטֶע טָאג זָאלְן קוּמֶען צֶען מֶענְטְשְׁן אוּן זָאגְן דִי צֶענְטֶע קַאפִּיטְל דִי צֶענְטֶע פָּסוּק אִין דִי צֶענְטֶע אָטֶעם; וַוייל עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דֶעם וִוי מֶען זָאל גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, וִוי גְלֵייבְּן אִין אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים, אִין אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוְוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִּילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ "חֶרֶב פִּיפִיּוֹת", אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַּארְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַׁת לֵוִי" זי"ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶּער אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים וִוי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעט נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶס גֶעשֶׁעט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶּער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֶוינִיגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן אָבֶּער זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### הַאק נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָשׁ אַ מְחַי', מֶען זֶעט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְרִין מִן הַמְהַדְרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִילְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְט מֶען אָן "עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט מַאכְן ח"ו קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אִידְן. שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן נִישְׁט זַיין פַארְמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

### וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְשְׁלָאפְן, וִוי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז וַואךְ אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַארְשְׁלָאפְן. וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז) "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה". וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפָרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן? אָבֶּער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָּה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדְן הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א') "סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" -

<<<<<<

<<<<< מוהרא"ש דערציילט

מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶועט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

# דֶער טֶעלֶעפָאן הַרְגְ'ט דִיךְ:

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק, זַיי קְלוּג אוּן זַיי פָאלְגֶעדִיג; קוֹיף דִיר נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אִין דֶעם עֲבֵירוֹת.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָּיוֹן פוּן הָאבְּן מִיט זִיךְ דִי כֵּלִים אוֹיף וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ; דִי כֵּלִים הָאבְּן שׁוֹין אוֹיסְגֶערִיסְן טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - הָאט מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן הָארְץ, זָאלְסְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת; אוֹיפְ'ן מִינוּט וֶועט דִיר עֶס אֶפְשָׁר נִישְׁט זַיין אַזוֹי בַּאקְוֶועם, אָבֶּער דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין מֶער בַּאקְוֶועם, דַיין עָתִיד וֶועט דִיר זַיין מֶער בַּאקְוֶועם; דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מוּטְשֶׁען אִין לֶעבְּן.

דִי כֵּלִים אִיז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ טְרָאגְן מֶענְטְשְׁן צוּם טוֹיט; דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוּן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה לָזֶה, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ; עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רח"ל.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ וִוי שְׁטַארְק עֶס צִיט דִיר צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אִין דֶעם וְכוּ' וְכוּ', בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ עוֹמֵד צוּ זַיין בְּנִסָּיוֹן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; אַ שִׁידוּךְ מִיט טַעַם, אַ שִׁידוּךְ מִיט חֵן; אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלוֹם בַּיִת. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יְהוּדָה הֶחָסִיד דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן שפז): "אָדָם אֶחָד הִתְעַנָּה כַּמָּה יָמִים שֶׁיַּזְמִין לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִשָּׁה שֶׁהוּא אוֹהֵב", אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ גֶעפַאסְט אַז עֶר וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פְרוֹי וָואס עֶר הָאט לִיבּ, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שִׁידוּךְ, "וְלֹא נִתְקַיֵּם תַּעֲנִיתוֹ וּתְפִלָּתוֹ", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען זַיין גֶעבֶּעט מִיט זַיינֶע תַּעֲנִיתִים, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת צוּם צַדִּיק: "פַארְוָואס הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן!" הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט דַיין בַּאשֶׁערְטֶע זִיווּג?" דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ פָּארְט נִישְׁט גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט: אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעפַאסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט טוֹישְׁן דִי גְזֵירָה אוּן מִיר אָנְשְׁרַייבְּן דִי שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ הָאבּ לִיבּ, "אָמַר הֶחָכָם: 'מִפְּנֵי שֶׁאַתָּה צוֹפֶה בַּנָּשִׁים'", הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל דוּ קוּקְסְט אוֹיף פְרוֹיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר נִישְׁט נָאכְגֶעגֶעבְּן דַיין גֶעבֶּעט, "זֶה הַצַּעַר הַבָּא עָלֶיךָ בִּשְׁבִיל שֶׁהָיִיתָ צוֹפֶה בַּנָּשִׁים, וְזִמֵּן לְךָ מַה שֶּׁלֹּא מָצְאָה חֵן בְּעֵינֶיךָ", דַיין גַאנְצֶע צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז וַוייל דוּ הִיטְסְט נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע שִׁידוּךְ אָן קַיין חֵן.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזּוּק נִישְׁט צוּ גֵיין קוֹיפְן קַיין טֶעלֶעפָאן אוּן אַנְדֶערֶע כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס מֶען קֶען זֶען אִין דֶעם שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"א)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַארְוָואס אִיז חֲנוּכָּה בַּיי מִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶערְבִּיטֶערְט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין הִיבְּשׁ נָאךְ חֲנוּכָּה, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ גֶעבְּלִיבְּן מִיט שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן פוּן דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן דִי זֶעלְבֶּע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע צַייטְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

אִיךְ פְלֶעג אַמָאל אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ כּוֹחוֹת אִין דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיךְ הָאבּ אַלֵיין צוּגֶעגְרֵייט דִי קְנוֹיטְן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה פַארְ'ן צִינְדֶען, אוּן נָאךְ, אָבֶּער מִיט דִי יָארְן הָאבּ אִיךְ עֶס אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טוּן, אִיךְ קוֹיף דִי לִיכְט וָואס אִיז גְרֵייט גְלַייךְ צוּם צִינְדֶען, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל אִיךְ צִינְד עֶס אָן, שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ פְרֵייעֶר וָואס צִינְדְט אָן אַ לֶעקְטֶער-מְנוֹרָה.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַפָּאר יָאר מִיט אַ שְׁטְרַיימְל בַּיים צִינְדֶען, אָבֶּער אֵיינְמָאל הָאט מַיין וַוייבּ מִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ גֵיי מִיט אַ שְׁטְרַיימְל וֶוען מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין מִיט אַ שְׁטְרַיימְל. יֶעצְט וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְטֶערְגֶעוָואקְסְן הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט צוּרִיק טוֹישְׁן, אָבֶּער כְ'וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מְ'טוֹישְׁט פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

אוֹיךְ בַּיים זִיצְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער כְ'הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם גֶעפִיל. דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן אַז מִסְתָּמָא בִּין אִיךְ זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ אַז אִיךְ פִיל נִישְׁט גָארְנִישְׁט, וַוייל אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶוערְן זֵייעֶר צוּפְלַאמְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט.

אוֹיךְ וֶועגְן שְׁפִּילְן דְרֵיידְל מִיט קְוִויטְלֶעךְ אוּם חֲנוּכָּה, אִיז יֶעדֶעס יָאר דָא אַ גַאנְצֶע וִיכּוּחַ בַּיי אוּנְז, וַוייל בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁפִּילְט מֶען נִישְׁט קַיין דְרֵיידְל אוּן נִישְׁט קַיין קְוִויטְלֶעךְ, אָבֶּער בַּיי מַיין שְׁוֶוער שְׁפִּילְט מֶען בֵּיידֶע. אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ שְׁפִּילְן, וַוייל כְ'הָאבּ גֶעהֶערְט אַז סְ'אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ שְׁפִּילְן קְוִויטְלֶעךְ, אָבֶּער מַיין וַוייבּ וִויל פוּן גָארְנִישְׁט הֶערְן, אוֹיבּ אִיר טַאטֶע הָאט גֶעשְׁפִּילְט קְוִויטְלֶעךְ, אִיז עֶס גוּט.

דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה וָואס דַארְף צוּ זַיין אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶערְבִּיטֶערְט, אִיךְ שְׁפִּיר יֶעדֶעס יָאר וִוי אַנְשְׁטָאט דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ זָאלְן שַׁיינֶען אִיז עֶס טוּנְקֶל פַאר מִיר.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה, וַוייל עֶנְלִיכֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען חַזְרְ'ן זִיךְ אִיבֶּער אוֹיךְ דוּרְכְאוֹיס דִי יָאר, נִישְׁט נָאר אוּם חֲנוּכָּה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיינְס? אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה - דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה! וָואס אִיז שַׁייךְ הֶעכֶער וִוי טוּן דִי רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! דִי אַלֶע זַייטִיגֶע זַאכְן אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב, מֶען מַאכְט עֶס נִישְׁט אַוֶועק, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס, אַז מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט זוּכְן דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מַאכְן מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהִכָּנֵס וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִּמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: "וָחַי בָּהֶם", 'וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

אָדֶער נִישְׁט - דִי הָאבְּן קַיין שׁוּם חַיוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶערְפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף אֵייגֶענֶע קְנוֹיטְן וְכַדוֹמֶה; אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן אֵייגֶענֶע קְנוֹיטְן - קֶענְסְטוּ מַאכְן, אוּן אַז דוּ הָאסְט צַייט אוּן כֹּחַ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה - גֵיי אוּן מִקְוֶה, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט, כֹּחַ אוּן מֹחַ פַאר דִי זַאכְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, נָאר גֵיי אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בַּיי אַלֶע מִצְווֹת, טוּן דִי מִצְוָה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ וַוארְטְן אוֹיף גֶעפִילְן, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז אוֹיבּ מֶען וֵויינְט בַּיי אַ מִצְוָה, מֶען וֶוערְט גוּט דֶערְפְּרֶעסְט - דֶעמָאלְט אִיז דָאס אַ גֶעלוּנְגֶענֶע מִצְוָה, אוֹיבּ מֶען זִיצְט בַּיי דִי מְנוֹרָה בְּעַצְבוּת, מֶען וֵויינְט - דָאס אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶע חֲנוּכָּה, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן מֶען צִינְדְט דִי מְנוֹרָה, מֶען אִיז נִישְׁט טוֹיט דֶערְפְּרֶעסְט - דֶעמָאלְט אִיז דָאס אַ שְׁוַואכֶע חֲנוּכָּה.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס וֶועט זַיין גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ. דַיין וַוייבּ זוּכְט נִישְׁט דַוְקָא צוּ שְׁפִּילְן קְוִויטְלֶעךְ, זִי ווִיל אַ פְרֵיילִיכֶער מַאן, אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט אִין שְׁטוּבּ. זִי זֶעט דִיר אַזוֹי דֶערְפְּרֶעסְט בַּיי דִי לִיכְט, זָאגְט זִי: "קוּם שְׁפִּילְן קְוִויטְלֶעךְ"; זִי בֶּענְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ אִיר טַאטְן אִין שְׁטוּבּ וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט שְׁמֵייכְלֶען, דוּ וֶועסְט טַאנְצְן, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶועט זִי נִישְׁט זוּכְן צוּ שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל. צַדִּיקִים זָאגְן אַז עֶס לִיגְט אַ קְלִיפָּה אִין דִי שְׁפִּיל פוּן קְוִויטְלֶעךְ, בַּיי אוּנְז הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעשְׁפִּילְט, אֲפִילוּ אָן גֶעלְט.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן חָכְמוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דָאס עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווִי אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת; פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# דער ראש ישיבה שליט"א געבט די ליל שישי שיעור אין לעיקוואד

די וועכנטליכע ליל שישי שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א איז גאר ברייט באקאנט, און ווערט מיטגעהאלטן יעדע וואך דורך טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט, דער ראש ישיבה שליט"א רעדט ארום ענינים אויף די פרשת השבוע, באגלייט מיט גאר ווערדפולע חיזוק און עצות פאר'ן לעבן, ווי אזוי יעדער איד קען מצליח זיין אויף דער וועלט, ווי אזוי יעדער קען זיין נאנט צום אייבערשטן, האבן א געשמאקע לעבן אויף די וועלט און צו די זעלבע צייט זיך גוט צוגרייטן מיט צידה לדרך וואס וועט אים באגלייטן אויף יענע וועלט, לעולמי עד ולנצח נצחים.

די שיעור קומט פאר יעדן דאנערשטאג נאכט אום ניין אזייגער אוונט אין ישיבה אין וויליאמסבורג, אבער עס ווערט אויך מיטגעהאלטן דורך א לייוו הוקאפ אין אלע היימישע געגנטער, און גלייכצייטיג קען מען מיטהאלטן דעם שיעור יעדע וואך אויף א הוקאפ אויפ'ן טעלעפאן ליניע "קול ברסלב", און גלייך נאכ'ן שיעור קען מען עס איבערהערן אויף קול ברסלב.

אנשי שלומינו פון שטאט לעיקוואד האבן געבעטן דער ראש ישיבה שליט"א ער זאל קומען געבן א שיעור דארט אין שטאט, מחזק צו זיין די ארטיגע אידן, און דער ראש ישיבה שליט"א האט באשלאסן די פארגאנגענע וואך צו געבן דעם וועכנטליכן שיעור דארט אין לעיקוואד.

פילע ארטיגע אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען צום שיעור, דער ראש ישיבה שליט"א האט אסאך ארומגערעדט איבער דעם וואס מען זעט אין די פרשה ווי יעקב אבינו האט צעטיילט זיין משפחה און פארמעגן אויף צוויי מחנות, אויב וועט עשיו הרשע כאפן איין מחנה, וועט כאטש די צווייטע מחנה געראטעוועט ווערן. אלעס וואס די אבות הקדושים האבן געטון איז דאך געווען א סימן און אן הכנה פאר זייערע קינדער, און אלעס וואס די תורה דערציילט אונז איז א לימוד אויף אייביג פאר יעדן איד אין יעדן מצב, און דאס איז גאר א וויכטיגע זאך וואס יעדער איד דארף טון, אז כאטש דער יצר הרע האט אים געכאפט ביי איין זאך, ער האט א געוויסע נסיון וואס אין דעם איז ער שוואך, ער קען זיך נישט אזוי גרינג מתגבר זיין, זאל מען זיכער מאכן אז דאס זאל אים נישט אראפשלעפן אינגאנצן, אז צוליב דעם זאל ער אינגאנצן אויפגעבן און נישט טון אפילו די זאכן וואס ער קען יא טון, ער זאל פרובירן צו טון כאטש וואס ער קען יא ארייננכאפן עפעס גוטע זאכן, עפעס מצוות ומעשים טובים, און גלייכצייטיג פרובירן ווי ווייט ער קען זיך צוריקהאלטן פון שלעכטע זאכן חס ושלום.

מען דארף כאפן די מלחמה סטראטעגיע פונעם יצר הרע, און אזוי וועט מען וויסן ווי אזוי זיך צו שלאגן מיט אים, דער יצר הרע וועט פרובירן אראפצואווארפן דעם מענטש אין איין אדער עטליכע זאכן, און נאכדעם וועט ער אזוי שטארק צעברעכן דעם מוט פונעם מענטש, מיט'ן אים אויפווייזן אז ער איז א דורכפאל און ער וועט שוין סיי ווי נישט מצליח זיין, ער וועט שוין סיי ווי נישט זיין קיין ערליכער איד. ווען דער איד ווייסט אבער ווי אזוי דער יצר הרע ארבעט, וועט ער זיך נישט לאזן פון אים, ער וועט זיך שטארקן און זאגן, "כאטש וואס איך בין דורכגעפאלן מיט איין האלב פון מיין לעבן, אין די געוויסע זאכן בין איך נישט מצליח, וועל איך זיך אבער שטארקן מיט וואס איך האב יא, איך וועל זיך האלטן גאר שטארק מיט די ביסל זאכן וואס איך טו יא גוט, און איך וועל זיך קיינמאל נישט לאזן צעברעכן", און אזוי וועט ער צום סוף ווערן אן ערליכער איד און אמת'ער אלעס פארריכטן.

פון דעם איז מען ארייגעפארן אין נאך גאר שיינע חיזוק און הדרכה אין לעבן, איבער שלום בית, חינוך, און נאך פארשידנארטיגע נושאים. אינמיטן האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז ווען מען איז לעיקוואד, וואס ווערט גערופן 'עיר התורה', דארף מען דאך אויך רעדן פון לימוד התורה, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן עצות און הדרכה ווי אזוי יעדער קען זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, סיי אויב עס איז אים געלונגען צו זיין א 'בן תורה', און סיי אויב ער דארף ארויסגיין ארבעטן.

דער ציבור המשתתפים ביים שיעור, ווי אויך די אלע וואס האבן מיטגעהאלטן דעם שיעור פון דערווייטנס, האבן געשלינגען מיט דארשט יעדעס ווארט פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי עס זאגן עדות די אלע וואס האלטן מיט דעם שיעור יעדע וואך, אז ביים שיעור ווערט מען ממש אויפגעפרישט, מען ווערט א נייער מענטש, מען באקומט געוואלדיגע כוחות זיך צו שטארקן ווייטער אין לעבן, ווייטער אנגיין מיט די עבודת ה' ביתר שאת ויתר עז.

אנשי שלומינו פון לעיקוואד האבן זיך גאר שטארק באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אויף דעם וואס ער האט זיך אנגעשטרענגט אריבערצוקומען און געבן דעם שיעור דארט אין שטאט.

**והיה המחנה הנשאר לפליטה!**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **דוד פוקס** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב**

***

החתן **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **אשר לעווי** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יחזקאל טויסיג** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה זוסמאן** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**


## א פרייליכן חנוכה

**דרשות און שיעורים, מעשיות, ניגונים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן צום פרייליכן ליכטיגן יום טוב חנוכה מיט געשמאק**

**קול ברסלב ציטווייליגע נומער**

**845-299-2224**

**1, 9, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >